בעזרת השם יתברך

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

## חַג הַשָּׁבוּעוֹת

מכון עצתו אמונה
הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע״י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# הַקְדָּמָה

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶעט, זָאלְסְטוּ וִויסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיטְ'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "כָּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

וִויבַּאלְד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶּער מוֹהֲרָ"אשׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפוּנֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶּער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִית" אִיז מִלְּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, מִיךְ

מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב, רַבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרֵיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶעניש צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִין מִירוֹן מִיט אִים, אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רַבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזּוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזּוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזּוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָּא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ",

בָּרוּךְ יְ' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

# אַ תְּפִלָּה
## פַאר'ן לֶערְנֶען זוֹהַר

יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

זוהר רות, דף קג ע"א

**רַבִּי זְמִירָאָה נָפַק לַחֲקַל אוֹנוֹ, חָמָא בְּאִינוּן בְּקִיעִין קַדְטוֹנְיָא קוּמְטְרֵי שַׁלְהוֹבֵי דְסַלְקִין, אַרְכִּין אוּדְנוֹי וּשְׁמַע קָלִין. אָמַר לֵיהּ הַהוּא עַרְבָאָה, זִיל בַּהֲדִי, וְאַרְאֶה לָךְ פְּלִיאָן טְמִירִין מִבֵּי נָשָׁא. אֲזַל עִמֵּיהּ אֲחוֹרֵי טִינָרָא, וַחֲמָא בְּקִיעִין אָחֳרָנִין, וְשַׁלְהוֹבִין סַלְקִין לְעֵלָּא. שְׁמָעוּ קָלִין אָחֳרָנִין, אָמַר לֵיהּ אַרְכִּין אוּדְנָךְ הָכָא, אַרְכִּין אוּדְנֵי וּשְׁמַע קָלִין דְּאָמְרִין וַוי וַוי, אָמַר, וַדַּאי הָא אֲתַר חַד מֵאִינוּן דּוּכְתֵּי דְגֵיהִנֹּם הָכָא. וַעֲבַר הַהוּא עֲרָבָאָה וְאִשְׁתָּאַר הוּא.**

חָזִיתָ אִישׁ

## רֶבִּי זְמִירָאָה הֶערְט וָואס טוט זִיךְ אִין גֵיהִנוֹם

**רַבִּי זְמִירָאָה נָפַק לַחֲקַל אוֹנֵי**, דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זְמִירָאָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ פֶעלְד, **חָמָא בְּאִינוּן בְּקִיעִין קַדְטוֹנְיָא, קוּמְטְרֵי שַׁלְהוֹבֵי דְסַלְקִין**, זֶעט עֶר ווִי עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פְלַאמֶען פוּן דִי שְׁפַּאלְטֶענֶעס פוּן דֶער עֶרְד, **אַרְכִּין אוּדְנוֹי, וּשְׁמַע קָלִין**, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דָארְט הוֹיכֶע גֶעשְׁרֵייעֶן, **אָמַר לֵיהּ הַהוּא עַרְבָאָה, זִיל בַּהֲדִי, וְאַרְאֶה לָךְ פְּלִיאָן טְמִירִין מִבֵּי נָשָׁא**, זָאגְט אִים אַן אַרַאבֶּער, קוּם מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן נָאךְ מֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן, אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן.

**אֲזַל עִמֵּיהּ אֲחוֹרֵי טִינָרָא, וְחָמֵי בְּקִיעִין אָחֳרָנִין**, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוּנְטֶער אַ שְׁטֵיין, דָארְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַנְדֶערֶע שְׁפַּאלְטֶענֶעס, **וְשַׁלְהוֹבִין סְלִיקוּ לְעֵילָא**, אוּן עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פְלַאמֶען, **שְׁמָעוּ קָלִין אָחֳרָנִין**, אוּן מֶען הֶערְט דָארְט אוֹיךְ גֶעשְׁרֵייעֶן, **אָמַר לֵיהּ אַרְכִּין אוּדְנָךְ הָכָא**, הָאט דֶער אַרַאבֶּער גֶעזָאגְט צוּם צַדִיק רֶבִּי זְמִירָאָה, בֵּייג צוּ דֵיינֶע אוֹיעֶרְן, **אַרְכִּין אוּדְנוֹי, וּשְׁמַע קָלִין דְּאָמְרִין וַוי וַוי**, הָאט עֶר צוּגֶעבוֹיגְן זַיינֶע אוֹיעֶרְן אוּן גֶעהֶערְט ווִי מֶען שְׁרֵייט: "וַויי! וַויי!"

**אָמַר, וַדַּאי הָא אֲתַר חַד מֵאִינוּן דּוּכְתֵּי דְגֵיהִנֹּם הָכָא**, זָאגְט דֶער צַדִיק, אִיךְ זֶע אַז דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם, **וַעֲבַר הַהוּא עֲרָבָאָה, וְאִשְׁתָּאַר הוּא**, דֶער אַרַאבֶּער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן רֶבִּי זְמִירָאָה אִיז דָארְט גֶעבְלִיבְן.

אַדְהָכִי גָּחִין גּוֹ דוּכְתָּא אָחֳרָא, וְחָמָא חַד בַּר נָשׁ דַּהֲוָה רָמֵי קָלִין, וַהֲווֹ נָטְלִין לֵיהּ וְאָעֲלִין לֵיהּ לְעוֹמְקָא דִּמְדוֹרָא אַחֲרִינָא, וְאִתְכַּסְּאֵי וְלָא חָמֵי יַתִּיר.

אַדְמִיךְ, וְחָמָא בְּחֶלְמָא הַהוּא גַּבְרָא, אָמַר לֵיהּ מַאן אַתְּ, אָמַר לֵיהּ יוֹדָאי חַיָּיבָא אֲנָא, דְּלָא שְׁבַקְנָא בִּישִׁין וְחֶטְאִין בְּעָלְמָא דְּלָא עֲבַדְנָא, אָמַר לֵיהּ בְּגוֹ חֶלְמָא, מַה שְׁמָךְ, אָמַר לֵיהּ, לָא יַדְעְנָא, דְּחַיָּיבֵי גֵּיהִנֹּם לָא דָּכְרִין שְׁמַיְיהוּ.

## הָוִית אִישׁ

**אַדְהָכִי, גָּחִין גּוֹ דוּכְתָּא אָחֳרָא**, אִינְצְווִישְׁן הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן צוּ אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, **וְחָמָא חַד בַּר נָשׁ דַּהֲוָה רָמֵי קָלִין**, אוּן גֶעזֶען ווִי אֵיינֶער שְׁרַייט קוֹלוֹת, **וַהֲווֹ נָטְלִין לֵיהּ וְאָעֲלִין לֵיהּ לְעוֹמְקָא דִּמְדוֹרָא אַחֲרִינָא**, אוּן מֶען נֶעמְט אִים אוּן מֶען לֵייגְט אִים אִין אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, **וְאִתְכַּסְּאֵי, וְלָא חָמֵי יַתִּיר**, אוּן עֶר הָאט אִים מֶער נִישְׁט גֶעזֶען.

### דֶער רָשָׁע קוּמְט אִין חָלוֹם

**אַדְמִיךְ**, רַבִּי זְמִירָאָה אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, **וְחָמָא בְּחֶלְמָא הַהוּא גַּבְרָא**, אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ ווִי עֶר זֶעט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן, **אָמַר לֵיהּ מַאן אַתְּ**, עֶר פְרֶעגְט אִים, וֶוער בִּיסְטוּ? **אָמַר לֵיהּ יוֹדָאי חַיָּיבָא אֲנָא, דְּלָא שְׁבַקְנָא בִּישִׁין וְחֶטְאִין בְּעָלְמָא דְּלָא עֲבַדְנָא**, זָאגְט עֶר, אִיךְ בִּין אַ רָשָׁע, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קַיין אֵיין עֲבֵירָה וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעטוּן, **אָמַר לֵיהּ בְּגוֹ חֶלְמָא, מַה שְׁמָךְ**, פְרֶעגְט אִים רַבִּי זְמִירָאָה, וָואס אִיז דַיין נָאמֶען? **אָמַר לֵיהּ, לָא יַדְעְנָא**, זָאגְט עֶר אִים, אִיךְ ווייס נִישְׁט מַיין נָאמֶען, **דְּחַיָּיבֵי גֵּיהִנֹּם לָא דָּכְרִין שְׁמַיְיהוּ**, ווייל דִי רְשָׁעִים וָואס זֶענֶען אִין גֵיהִנּוֹם ווייסְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, מֶען פַארְגֶעסְט דִי נָאמֶען, **אָמַר לֵיהּ, שְׁמָא דְּדוּכְתָּךְ מַהוּ**, פְרֶעגְט עֶר אִים פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ?

אָמַר לֵיהּ, שְׁמָא דְדוּכְתָּךְ מַהוּ, אָמַר לֵיהּ, בִּגְלִילָא עִילָּאָה קַצְבָא הֲוֵינָא, וּמִגּוֹ בִּישִׁין סַגִּיאִין דַעֲבַדְנָא הָתָם, דַּיְינִין לְהַהוּא בַּר נָשׁ תְּלָתָא זִמְנִין בִּימָמָא וּתְלָתָא זִמְנִין בְּלֵילְיָא. אָמַר לֵיהּ, וּבְרָא שַׁבְקַת, אָמַר לֵיהּ, אֵין.

קָם מִתַּמָּן, וַאֲזַל לֵיהּ לִגְלִילָא עִילָּאָה, שְׁמַע קוֹל יְנוּקָא דַּהֲוָה אָמַר (משלי ב) אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה אָז תָּבִין יִרְאַת ה', אֲזַל לְבֵי מִדְרְשָׁא אָחֲרָא, שְׁמַע קוֹל יְנוּקָא אָחֲרָא דַּהֲוָה אָמַר (צפניה ב) בַּקְּשׁוּ צֶדֶק בַּקְּשׁוּ עֲנָוָה אוּלַי תִּסָּתְרוּ וְגוֹמֵר.

חָזִית אִישׁ

**אָמַר לֵיהּ, בִּגְלִילָא עִילָּאָה קַצְבָא הֲוֵינָא,** זָאגְט עֶר אִיךְ קוּם פוּן גָּלִיל הָעֶלְיוֹן, אִיךְ הָאבּ פַּארְקוֹיפְט פְלֵייש, **וּמִגּוֹ בִּישִׁין סַגִּיאִין דַעֲבַדְנָא הָתָם, דַּיְינִין לְהַהוּא בַּר נָשׁ תְּלָתָא זִמְנִין בִּימָמָא וּתְלָתָא זִמְנִין בְּלֵילְיָא,** אוּן ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת, שְׁטְרָאפְט מֶען מִיר דְרֵיי מָאל בַּייטָאג אוּן דְרֵיי מָאל בַּיינַאכְט, **אָמַר לֵיהּ, וּבְרָא שַׁבְקַתְּ,** פְרֶעגְט אִים רֶבִּי זְמִידְאָה, הָאסְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ קִינְד? **אָמַר לֵיהּ, אֵין,** זָאגְט עֶר יָא.

## דֶער צַדִּיק וִויל אִים מְתַקֵּן זַיין

**קָם מִתַּמָּן, וַאֲזַל לֵיהּ לִגְלִילָא עִילָּאָה,** אִיז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אַהִין גֶעגַאנְגֶען, **שְׁמַע קוֹל יְנוּקָא דַּהֲוָה אָמַר** (מִשְׁלֵי ב, ד): **'אִם תְּבַקְשֶׁנָּה כַכָּסֶף וְכַמַּטְמֹנִים תַּחְפְּשֶׂנָּה אָז תָּבִין יִרְאַת ה',** אוֹיפְ'ן וֶועג הֶערְט עֶר אַ קִינְד לֶערְנְט דֶעם פָּסוּק, וֶוען דוּ וֶועסְט עֶס זוּכְן אַזוֹי ווִי מֶען זוּכְט זִילְבֶּער אוּן אַזוֹי ווִי מֶען זוּכְט בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצָרוֹת – דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ צוּקוּמֶען צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲזַל לְבֵי מִדְרְשָׁא אָחֲרָא,** אִיז עֶר אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע שׁוּל, **שְׁמַע קוֹל יְנוּקָא אָחֲרָא דַּהֲוָה אָמַר** (צְפַנְיָה ב, ג): **'בַּקְּשׁוּ צֶדֶק בַּקְּשׁוּ עֲנָוָה אוּלַי תִּסָּתְרוּ וגו',** הֶערְט עֶר ווִי אַ קִינְד לֶערְנְט דֶעם פָּסוּק, זוּכְט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, זוּכְט עֲנָוָה וְגוֹ'.

אֲזַל וְחִפֵּשׂ אֲבַתְרֵיהּ דְּהַהוּא גַּבְרָא רָשָׁע, וּלְחַד יְנוּקָא קָא שָׁאִיל. אָמַר לֵיהּ, רַבִּי, תֵּיתֵי כַּךְ וְכָךְ לְהַהוּא גַּבְרָא, דְּלָא שְׁבַק בִּישִׁין וְחֶטְאִין בְּעָלְמָא דְּלָא עֲבַד, כַּךְ וְכָךְ תֵּהֵא לְהַהוּא גַּבְרָא רָשָׁע, וּלְהַהוּא מֵנִיקְתָּהּ דְּיַנִּיקָא לֵיהּ.

אֲמַר לֵיהּ, בְּרָא שְׁבַק בְּעָלְמָא, אָמַר לֵיהּ הֵן. חַד בְּרָא שָׁבֵיק, וְהוּא רָשָׁע כַּאֲבוּהּ, וְאִיהוּ יְנוּקָא דְּאָזִיל בְּבֵי מִטְבְּחַיָּא, חִפֵּשׂ אֲבַתְרֵיהּ, וּנְטֵיל לֵיהּ וְלָעֵי לֵיהּ בְּאוֹרַיְיתָא, עַד דְּאוֹלִיף לֵיהּ מִקְרָא וּצְלוֹתָא וּקְרִיאַת שְׁמַע, לְבָתַר אוֹלִיף לֵיהּ מִשְׁנָה וְתַלְמוּד וַהֲלָכוֹת וְהַגָּדוֹת, עַד דְּאִתְחַכַּם יַתִּיר, וְהַיְינוּ רַבִּי נַחוּם הַפָּקוּלִי.

## הֱוֵית אִישׁ

**אֲזַל וְחִפֵּשׂ אֲבַתְרֵיהּ דְּהַהוּא גַּבְרָא רָשָׁע**, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער רָשָׁע הָאט גֶעוואוֹינְט, **וּלְחַד יְנוּקָא קָא שָׁאִיל**, וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְּרֶעגְט עֶר אַ קִינְד, דוּ וֵוייסְט עֶפֶּעס פוּן דֶעם רָשָׁע צוּ זָאגְן? **אָמַר לֵיהּ, רַבִּי, תֵּיתֵי כַּךְ וְכָךְ לְהַהוּא גַּבְרָא, דְּלָא שְׁבַק בִּישִׁין וְחֶטְאִין בְּעָלְמָא דְּלָא עֲבַד. כַּךְ וְכָךְ תֵּהֵא לְהַהוּא גַּבְרָא רָשָׁע, וּלְהַהוּא מֵנִיקְתָּהּ דְּיַנִּיקָא לֵיהּ**, זָאגְט דֶער קִינְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטְרָאפְן דֶעם רָשָׁע אוּן אוֹיךְ דִי פְרוֹי וָואס הָאט אִים גֶעזֵייגְט, אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן; דֶער רָשָׁע הָאט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט קֵיין אֵיין עֲבֵירָה וָואס עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען.

**אֲמַר לֵיהּ, בְּרָא שְׁבַק בְּעָלְמָא**, פְרֶעגְט רַבִּי זְמִירָאָה, דֶער רָשָׁע הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ קִינְד דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? **אָמַר לֵיהּ הֵן, חַד בְּרָא שָׁבֵיק, וְהוּא רָשָׁע כַּאֲבוּהּ, וְאִיהוּ יְנוּקָא דְּאָזִיל בְּבֵי מִטְבְּחַיָּא**, עֶנְטְפֶערְט עֶר, יָא, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ קִינְד וָואס אִיז אוֹיךְ אַ רָשָׁע אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע.

## דֶער צַדִיק טְרֶעפְט דֶעם קִינְד

**חִפֵּשׂ אֲבַתְרֵיהּ**, אִיז עֶר אִים גֶעגַאנְגֶען זוּכְן, **וּנְטֵיל לֵיהּ וְלָעֵי לֵיהּ בְּאוֹרַיְיתָא**, עֶר הָאט אִים גֶענוּמֶען אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה, **עַד דְּאוֹלִיף לֵיהּ מִקְרָא וּצְלוֹתָא וּקְרִיאַת שְׁמַע**, בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מִקְרָא, וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט אוּן וִוי אַזוֹי מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, **לְבָתַר אוֹלִיף לֵיהּ מִשְׁנָה וְתַלְמוּד וַהֲלָכוֹת וְהַגָּדוֹת**,

אַמַּאי קָרוּ לֵיהּ הַפְּקוּלִי. כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר (ישעיה כח) פָּקוּ פְּלִילִיָּה, דְּאַפֵּיק לַאֲבוּהָ מִן דִּינָא דְּהַהוּא עָלְמָא, וְכַמָּה חַכִּימֵי דָּרָא דְּנָפְקוּ מִינֵיהּ, אִקְרוּן פָּקוּלִי.

הַהוּא גַּבְרָא אָתֵי לֵיהּ בְּחֶלְמָא, וַאֲמַר לֵיהּ, רַבִּי, כְּמָה דְּאַנְתְּ נַחַמְתְּ לִי, כֵּן יְנַחֵם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹתְךָ. דְּהָא מִן יוֹמָא דְּיָדַע בְּנִי פָּסוּק חַד, פָּקוּ לִי מִן דִּינָאי. כֵּיוָן דְּקָרָא קְרִיאַת שְׁמַע, סָלְקִין דִּינָאי בֵּין בִּימָמָא בֵּין בְּלֵילְיָא זִימְנָא חַד, כֵּיוָן דְּקָרֵי בֵּיהּ רַב, אַעֲבָרוּ דִּינָאי מִכֹּל וָכֹל.

חָזִית אִישׁ

נָאכְדֶעם הָאט עֶר אִים גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, הֲלָכוֹת וַאֲגָדוֹת, **עַד דְּאִתְחַכַּם יַתִּיר, וְהַיְינוּ רַבִּי נַחוּם הַפְּקוּלִי**, בִּיז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחוּם הַפְּקוּלִי.

**אַמַּאי קָרוּ לֵיהּ הַפְּקוּלִי**, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִים מִיט דֶעם נָאמֶען פָּקוּלִי? **כְּמָה דְּאַתְּ אָמַר** (יְשַׁעְיָה כח, ז): 'פָּקוּ פְּלִילִיָּה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט פָּקוּ פְּלִילִיָּה, **דְּאַפֵּיק לַאֲבוּהָ מִן דִּינָא דְּהַהוּא עָלְמָא**, ווייל עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן זַיין טַאטֶע פוּן דִי שְׁווֶערֶע עוֹנְשִׁים, **וְכַמָּה חַכִּימֵי דָּרָא דְּנָפְקוּ מִינֵיהּ, אִקְרוּן פָּקוּלִי**, אוּן אַסַאךְ צַדִּיקִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן אִים, אוּן מֶען רוּפְט זֵיי פָּקוּלִי.

## דִי נְשָׁמָה אִיז מְתוּקָן גֶעוָוארְן

**הַהוּא גַּבְרָא אָתֵי לֵיהּ בְּחֶלְמָא**, דֶער רָשָׁע אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ רֶבִּי זְמִידָאָה, **וַאֲמַר לֵיהּ, רַבִּי, כְּמָה דְּאַנְתְּ נַחַמְתְּ לִי, כֵּן יְנַחֵם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹתְךָ**, אוּן אִים גֶעווִינְטְשְׁן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיךְ טְרֵייסְטְן אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעטְרֵייסְט, **דְּהָא מִן יוֹמָא דְּיָדַע בְּנִי פָּסוּק חַד, פָּקוּ לִי מִן דִּינָא**, ווייל פוּן דֶעם טָאג וָואס מַיין זוּן הָאט גֶעלֶערְנְט אֵיין פָּסוּק הָאט מֶען מִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט פַּייניגְן מִיט דִי שְׁוֶוערֶע פַּיין, **כֵּיוָן דְּקָרָא קְרִיאַת שְׁמַע, סָלְקִין דִּינָאי בֵּין בִּימָמָא בֵּין בְּלֵילְיָא זִימְנָא חַד**, אוּן פוּן וָוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִיז מֶען מִיר מֶער נִישְׁט דַן נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג, **כֵּיוָן דְּקָרֵי בֵּיהּ רַב, אַעֲבָרוּ דִּינָאי מִכֹּל וָכֹל**, אוּן פוּן וָוען עֶר גֵייט אִין חֵדֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה – הָאט מֶען מִיר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁטְרָאפְן.

**יוֹמָא דְּאִתְחַכִּים וְקָרוּ לֵיהּ רַבִּי, אַתְקִינוּ כּוּרְסֵי בֵּין צַדִּיקַיָּיא בְּגִנְתָּא דְעֵדֶן, וּבְכָל יוֹמָא וְיוֹמָא דְּאִתְחַדְּשָׁא אוֹרַיְיתָא בִּשְׁמֵיהּ, מְעַטְּרִין לֵיהּ בְּעִיטְרָא עִילָּאָה, דְּצַדִּיקִים מִתְעַטְּרִין, בְּגִינָךְ זָכֵינָא בְּכָל הַאי יְקָר.**

**זַכָּאָה אִיהוּ חוּלָקֵיהּ, מַאן דְּשָׁבַק בְּרָא דְּלָעֵי בַּתּוֹרָה בְּהַאי עָלְמָא. אָמַר רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא, כְּהַאי גַּוְונָא אֵירַע לֵיהּ לְרַבִּי עֲקִיבָא.**

## הֲוָיַת אִישׁ

### דִי נְשָׁמָה דֶערְצֵיילְט ווִי חָשׁוּב אִיז אִין הִימְל אַ פָּסוּק תּוֹרָה

**יוֹמָא דְּאִתְחַכִּים וְקָרוּ לֵיהּ רַבִּי, אַתְקִינוּ כּוּרְסֵי בֵּין צַדִּיקַיָּיא בְּגִינְתָּא דְעֵדֶן,** דֶעם טָאג וָואס מַיין זוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ רֶבִּי הָאט מֶען מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטִיל אִין גַּן עֵדֶן צְווִישְׁן דִי צַדִּיקִים, **וּבְכָל יוֹמָא וְיוֹמָא דְּאִתְחַדְּשָׁא אוֹרַיְיתָא בִּשְׁמֵיהּ, מְעַטְּרִין לִי בְּעִיטְרָא עִילָּאָה, דְּצַדִּיקִים מִתְעַטְּרִין,** אוּן ווֶען מַיין זוּן אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה טוּט מֶען מִיר אָן דִי שֵׁיינֶע קְרוֹינֶען וָואס מֶען טוּט אָן פַאר דִי צַדִּיקִים אִין גַּן עֵדֶן, **בְּגִינָךְ זָכֵינָא בְּכָל הַאי יְקָר,** צוּ דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען בִּזְכוּת דִיר.

פִּירְט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: **זַכָּאָה אִיהוּ חוּלָקֵיהּ, מַאן דְּשָׁבַק בְּרָא דְּלָעֵי בַּתּוֹרָה בְּהַאי עָלְמָא,** ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, **אָמַר רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא, כְּהַאי גַּוְונָא אֵירַע לֵיהּ לְרַבִּי עֲקִיבָא,** הָאט רֶבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא גֶעזָאגְט, אַזַא עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא.

**פוּן דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעְן מִיר דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע; דָאס רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע עוֹנְשִׁים, פוּן אַלֶע גֵיהִנוֹם'ס אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אִין גַּן עֵדֶן, זִיצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים**